הרה"ג הישיש

# הרב מרדכי גלאטשטיין שליט"א



## יליד ליפנא, פוילן

תושב פיטסבורג, פענסילוועניע

# עד ראי' פונעם אויפשטאנד אין ווארשאווער געטא

חסידים אין ליפנא ▪ ווארשא צווישן די צוויי מלחמות ▪ מיט ר' מנחם זעמבא און מיט'ן פיאסעצנער רבי'ן ▪ הרב שטאקהאמער פאסט 8 טעג ▪ תפילין אין בודזין ▪ הילף פאר'ן שארית הפליטה ▪ אלס רב אין פיטסבורג

א.צ.י. פריעדמאן

אויב האט איר א פארשלאג איבער אינטערוויוען זקנים
לאוי"ט וועלכע "האבן וואס צו דערציילן", ביטע פארבינדט
זיך מיט'ן שרייבער, דורך רופן און לאזן א מעסעדזש:
917-945-1224, אדער דורך אימעיל cf547@aol.com, א דאנק.









# דער יו"ט פסח אין די ביטערע לאגערן

**בימינו** אלה, ווען עס זענען פאראן אזוי ווייניג מלחמה-איבערלעבער, און נאך ווייניגער וואס געדענקן "דער אלטער היים" מיט די ריכטיגע פארבן, איז א יקר המציאות צו טרעפן אזא איינעם, איבערהויפט פון פוילן, וואו די מלחמה האט זיך אנגעהויבן כמעט פינף יאר פאר ס'האט זיך אנגעהויבן אין אונגארן און פון וואו עס זענען געבליבן פיל ווייניגער איבערלעבער.

דער היינטיגער בעל מספר איז פילייכט א חד בדרא, אן אנטיק וואס האט נישט קיין שאץ, אלס איינער וואס איז אויפגעוואקסן אין פוילן אין די יארן נאך די ערשטע וועלט מלחמה. ער איז שוין געווען אן ערוואקסענער בחור וועלכער האט "גערעדט אין לערנען" מיט גדולי הדור ההוא, ובראשם הגאון הנפלא רבי מנחם זעמבא זצ"ל, נאך פאר מען האט אפילו גע'חלומ'ט איבער די ערווארטע שווערע צייטן.

**הרה"ג הישיש, חסיד ועניו, רב פעלים לתורה ולתעודה, הרב מרדכי לייב גלאטשטיין שליט"א** איז געבוירן מיט העכער הונדערט יאר צוריק אין די פוילישע שטאט ליפנא, צו א רבני'שע משפחה מדור דור.

בימי בחרותו האט ער געלערנט אין די באקאנטע "מתיבתא" איןווארשא, וואס איז כידוע געווען א נייע ערשיינונג אין פוילן.

אין די ערשטע צייטן פון די שרעקליכע צווייטע וועלט מלחמה איז ער אנגעקומען אינעם ווארשאווער געטא, וואו ער איז געווען במחיצתם של גדולי פוילן של מעלה. ער האט בייגעוואוינט דעם טרויעריג-בארימטן "אויפשטאנד", און ער האט אפילו געשפילט א ראלע דערין אלס א שומר הפתח.

פון דארט איז ער אפגעשיקט געווארן צו שרעקליכע לאגערן, אריינגערעכנט אוישוויץ, און עווענטועל אויף א "טויט מארש", ביז ער האט בחסדי ה' איבערגעלעבט די מלחמה.

נאך די מלחמה האט הרב גלאטשטיין געדינט אין א פאזיציע ביים "דזשוינט", צו העלפן דעם שארית הפליטה מיט רוחניות'דיגע געברויכן. ער האט אסאך אויפגעטאן אין דעם געביט, און ער האט אנגעקניפט א קשר מיט גדולי ישראל וואס האבן זיך אויפגעהאלטן אין די "די. פי." לאגערן.

בשנת תש"ט איז הרב גלאטשטיין ארויסגעקומען קיין אמעריקע, וואו ער האט צענדליגער יארן געדינט אלס א פראמינענטער רב ומורה דרך אין די שטאט פיטסבורג אין פענסילוועניע.

ער האט זיך א סאך אפגעגעבן צוצוציען דעם יוגענט, צווישן זיי אמעריקאנער-געבוירענע און אויך רוסישע אידן, האבענדיג א געמיינזאמע הארץ-שפראך מיט אלע סארט אידן.

די פארגאנגענע עטליכע יאר, נאכדעם וואס זיין רביצין ע"ה איז נפטר געווארן, איז הרב גלאטשטיין



אריבערגעקומען וואוינען קיין ניו יארק ביי זיינע קינדער, צווישן זיי זיין באליבטער אייניקל, **הרה"ג הרב דניאל גלאטשטיין שליט"א** פון לאנג איילאנד, וואס איז באקאנט אלס איינער פון די פראמינענטע יונגע רבנים וועלכער האט א גרויסע השפעה מיט זיינע דרשות ושיעורים.

זיצענדיג מיט הרב גלאטשטיין ווערט מען צוריקגעפירט צו הונדערט יאר צוריק! ער רעדט פון שטעט און פון גדולים פון פאר די ערשטע וועלט מלחמה ווי מיר רעדן היינט פון רבנים און קהלות פונעם לעצטן דור.

"ס'איז וויכטיג צו דערציילן וואס מיר זענען דורכגעגאנגען", זאגט הרב גלאטשטיין, "ווייל די היינטיגע וועלט ווייסט נישט איבער דעם אייראפעאישן אידנטום, איבערהויפט דעם פוילישן אידנטום; מען לערנט נישט דערפון אין די ישיבות. פוילן איז געווען דער קרוין פון תורה! אין אלע דורות האבן דארט געוואוינט גדולי התורה און פון דארט איז פארשפרייט געווארן תורה צו אלע אידישע צענטערן".

ווען מיר דערמאנען, אז היינטיגע צייטן באזוכט מען אסאך אין פוילן ביי קברי צדיקים, און מען באקענט זיך מער מיט איר אמאליגע גלארייכע היסטאריע, ווערט הרב גלאטשטיין איבערגענומען און ער זאגט:

"מיט יארן צוריק בין איך געווען אין דעם האלאקאוסט מוזעאום אין ירושלים, און ס'איז דארט געווען א דעלעגאציע פון פוילן. כ'האב דארט אויפגעטרעטן און זיי געזאגט: איך קען אייך נישט בעטן צו העלפן די אידן פון פוילן, ווייל ליידער זענען כמעט נישט פאראן קיין אידן אין אייער לאנד; אבער וואס איך קען אייך בעטן איז איבער די טויטע אידן, אז מען זאל האלטן די בתי חיים מיט כבוד!

דער אייניקל, דער יונגער הרב גלאטשטיין שליט"א לייגט צו, אז דער זיידע האט געטאן אסאך מער פון דעם לטובת החיים והמתים.

"זיינע אויפטריטן איבער די מלחמה, וואס האט צוגעצויגען אסאך אפגעפרעמדעטע אידן, האט ער אויסגענוצט אריינצוברענגען שטארקע אמונה ובטחון אין די הערצער, און ער האט געראטעוועט דורי דורות!

"בלויז צו זען ווי דער זיידע איז עולה צו די תורה, און ער שרייט אויס מיט אזא שטארקייט די ווערטער "אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו", האט צוריקגעברענגט אידן צו תורה'דיגע אידישקייט!

ווער רעדט נאך פון זיינע מסירת נפש'דיגע שריט דורכאויס און נאך די מלחמה, וואס דער אייניקל זאגט אז ער האט געהערט פון עדים נאמנים וואס האבן דערציילט דברים נפלאים ממש מפרשת גדולת מרדכי, וואס פארלאנגט אן ארטיקל פאר זיך.

זאל דאס אלעס טאקע גערעכנט ווערן אלס זכותים פאר דעם ת"ח זקן, שריד לדור דעה, שיתחדש כנשר נעוריו, ויזכה לעבוד את ה' בשמחה מתוך בריות גופא, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים, להגיד כי ישר ה' צורי ולא עולתה בו.



חורבן און תקומה







הרה"ק בעל אמרי אמת מגור זי"ע, אין באגלייטונג פון בני משפחה און מקורבים

**הרב גלאטשטיין שליט"א דערציילט:**

איך בין געבוירן אין די שטאט ליפנא אין פוילן, ביום ו' אדר שנת תרע"ו לפ"ק.

מיין טאטע הרה"ח המופלג רבי יוסף מנחם ז"ל, מחסידי הרה"ק בעל אמרי אמת מגור זי"ע, איז געווען א זון פון הגאון רבי מרדכי לייב גלאטשטיין זצ"ל, מורה הוראה בק"ק לונטשיץ - די שטאט פונעם "כלי יקר".

מיין זיידע האט משמש בהוראה געווען אין לונטשיץ אין די תקופה וואס ס'האט דארט געוואוינט דער מלבי"ם זצ"ל, וואס האט דארט געשריבן זיינע חיבורים על נ"ך. דער זיידע איז געווען שטארק בידידות מיט אים, און ער פלעגט רעדן איבער די גרויסע תורה וחכמה פונעם מלבי"ם.

מיין מאמע האשה החשובה מרת בלומא מיכלא הי"ד איז געווען א טאכטער פונעם הגאון רבי פסח משה גאלדבערג זצ"ל, מגדולי חסידי קאצק וגור ומתלמידי הגאון רבי יהושע'לע מקוטנא זצ"ל, וואס איז געווען פון די רבנים ומורי הוראה אין ליפנא.

•••

אונזער שטעטל ליפנא איז אויפ'ן וועג צווישן ווארשא און פלאצק, נישט ווייט פון די פוילישע און דייטשע גרעניצן. אויף אידיש האט מען עס גערופן ליפנא (אויף פויליש שרייבט מען עס "ליפאו").

ס'איז נישט געווען צו קיין גרויסע שטאט; ס'האבן דארט געוואוינט אפשר 5,000-6,000 אידן. עס זענען געווען א סאך שטעטלעך ארום, און מענטשן פלעגן אריינקומען פארקויפן זייערע פראדוקטן. ס'איז געווען ווי א וועכנטליכער "יריד" אינעם שטאטישן מארק.

דער מארק איז געווען אין צענטער פון שטאט, און ס'איז געווען ארומגענומען מיט בנינים. מיר האבן געוואוינט אין איינס פון די בנינים, וואס האט באלאנגט פאר אונזער משפחה.

ס'איז נישט געווען קיין גרויסע דירה, אבער מיר האבן געהאט דריי צימערן און א קליינע געשעפט וואו מיין מאמע האט פארקויפט העמדער און זאקן. דאס געשעפט איז געווען אין א גרויסן צימער אויפ'ן ערשטן שטאק.

•••

די שוהל און די קהל'ישע אינסטיטוציעס האבן זיך געפינען אויף די גאדאנסקא גאס, וואס מען האט גערופן "די אידישע גאס". ס'איז געווען נעבן דעם טייך, און א גרויס טייל פונעם קהל'ישן קאמפלעקס איז געווען באדעקט מיט גרינע גראז.

די שוהל איז געווען איינס פון די שענסטע אין פוילן. אינעם דאזיגן בנין איז אויך געווען די ביורא פונעם "ועד הקהלה".

אין די שוהל האבן געדאווענט בעלי בתים, וועלכע האבן געקויפט א "שטאט" (זיץ). דער שוחט איז געווען דער חזן, און אין די ימים נוראים האט ער געהאט א קאפעליע. דעמאלט פלעגט מען קומען אויך פון די "שטיבלעך" הערן דאס דאווענען.

חוץ די שוהל איז געווען דער "בית המדרש", וואו מען האט געדאווענט שבת און יו"ט, אבער אנדערש ווי די גרויסע שוהל זענען דארט פארגעקומען די מנינים אינדערוואכן, צופרי און פארנאכטס. במשך דעם גאנצן טאג איז מען דארט געזיצן און געלערנט, אריינגעקוקט אין ספרים אדער געזאגט תהילים.

אום שבתים האבן דארט געדאווענט מער פשוט'ע מענטשן, אנדערש ווי די בעלי בתים וואס האבן געדאווענט אין די גרויסע שוהל. דא האבן געדאווענט בעלי מלאכה און איינפאכע אידן וועלכע האבן זיך געפלאגט אויף פרנסה.

אינעם בית המדרש פלעגן אויך אויפטרעטן "מגידים" וואס זענען געקומען אין שטאט. און מען האט דארט אויך אויפגעטרעטן פאר די פארלאמענט וואלן, וואס צומאל איז דאס געווען קאנטראווערסיאל, פירנדיג צו א היציגע אטמאספערע צווישן קעגנזייטיגע פראקציעס.

אויפ'ן שטח פון די קהלה האט זיך אויך געפינען דער חדר, און א שטיק צייט איז דארט אויך געווען די מאדערנע "מזרחי" שולע. דארט איז אויך געווען דער בית שחיטה לעופות, די מקוה, און דירות פאר דעם חזן און משמש.

חוץ מיין זיידע זענען געווען נאך רבנים ומורי הוראה, צו וועמען מען פלעגט קומען מיט שאלות. איינער איז געווען הרב זיבענבערג, ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, אבער ס'האט געהייסן אז ער איז א גרויסער מחמיר... ער האט געהאט אן אייגענעם מנין יעדן שבת ביי זיך אין שטוב, און ער האט פארגעלערנט א שיעור גמרא פאר די מתפללים.

די חסידים האבן געדאווענט אין די שטיבלעך, וואס די צוויי גרעסטע זענען געווען פון חסידי גור און אלכסנדר. עס זענען אויך געווען א צאל קליינע שטיבלעך, פיל קלענער ווי גור און אלכסנדר, צ.ב.ש. פון חסידי אטוואצק און זיכלין. טייל האבן געהאט א שטיבל בלויז אויף ימים טובים, בעיקר אין די ימים נוראים, ווי דער סטריקובער שטיבל.




ביי אונז אין שטעטל זענען אפילו געווען געציילטע ברעסלאווער חסידים, צווישן זיי מיין פעטער הרב יהודא לייב איילענבערג זצ"ל. ער האט מיך צוגעצויגן צו די ספרים פון הרה"ק רבי נחמן זי"ע, און פאר מיין בר מצוה האב איך געקענט גרויסע חלקים פון "ליקוטי מהר"ן" בעל פה!

•••

מיין טאטע איז נפטר געווארן אין עלטער פון 26 יאר; איך בין דעמאלט געווען א פיר יעריג קינד. מיין טאטע איז נישט געווען געזונט ל"ע, און אין יענע טעג איז דאך נישט געווען קיין מעדיצין ווי מען האט היינט.

אין די משפחה האט מען געוואוסט אז מיין טאטע האט דעמאלט עוסק געווען אין א געהיימען ענין, בשליחות פון זיין רבי'ן, הרה"ק בעל אמרי אמת זי"ע. דער רבי פלעגט אונז שפעטער שטארק מקרב זיין, און ווען כ'האב געלערנט אין ווארשא האב איך אסאך מאל זיך מתייעץ געווען מיט'ן רבי'ן איבער פארשידענע נושאים.

דער רבי האט געוואוינט אין גור, וואס איז נישט ווייט פון ווארשא. ס'איז געווען א ספעציעלע באן פון ווארשא קיין גור, ווייל די חסידים פלעגן אזוי אפט פארן; מ'האט עס גערופן "די קלייקע".

וויבאלד ווארשא איז א גרויסע שטאט, און געוועהנליך פלעגן די פוילישע חסידים זיך דערווייטערן פון די גרויסע שטעט, האט דער חידושי הרי"ם זי"ע – ווען ער האט אנגעהויבן פירן אן עדה חסידים, נאכ'ן הסתלקות פונעם קאצקער זי"ע - זיך אוועקגעצויגן פון ווארשא צו די שטאט גור.

•••

ווען מיין טאטע איז נפטר געווארן, איז מיין מאמע געבליבן מיט דריי קליינע

קינדער. איך און צוויי יונגערע ברידער, העניך און שמואל. (איינער איז געווען צוויי און א האלב יאר און איינער איין יאר, ווען מיין טאטע איז נפטר געווארן.)

מען האט פאר מיין מאמע גערעדט א סאך שידוכים; זי איז געווען א יונגע פרוי, 26 יאר אלט, און א גרויסע מלומדת, אבער זי האט נישט געוואלט חתונה האבן, ווייל זי האט זיך געזארגט פאר אונז קינדער! זי האט שווער געארבעט צו ברענגען פרנסה און אנצופירן די שטוב ווירטשאפט אז מיר זאלן גארנישט שפירן אונזער יתמות.

איך געדענק נישט מיין טאטע; איך געדענק בלויז ווען ער איז נפטר געווארן און מען האט געווארט אז די חברה קדישא זאל קומען. כ'געדענק דעמאלט ווי איך בין געזעצן אויף מיין מאמע'ס שויס; כ'האב נישט צופיל פארשטאנען וואס ס'גייט דארט פאר.

מיין מאמע איז געווען א גרויסע צדיקת, כאטש זי האט געארבעט זייער שווער, האט זי אלעמאל געהאט צייט צו העלפן מענטשן מיט אלע מעגליכקייטן. עס זענען געווען אנדערע אלמנות אין די געגנט, און מיין מאמע האט זיך פאר זיי געזארגט. זי פלעגט זיי בארגן געלט, אפילו זי האט קוים פארדינט. דאס געדענק איך אז מען פלעגט קומען אפנעמען און דערנאך באצאלן הלוואות.

• • •

אלס קינד בין איך געגאנגען אין די שטאטישע "תלמוד תורה". יעדן טאג האט מיין מאמע מיר געברענגט צום עסן מיטאג, כדי כ'זאל נישט דארפן גיין און קומען און אפשר פארפאסן פונעם לערנען.

שבתים זענען מיר געווען אינדערהיים. מיין מאמע פלעגט אלעמאל צוגרייטן שוין דאנערשטאג נאכט, און דערנאך זענען מיר געגאנגען אין גערער שטיבל, וואס איז נישט געווען ווייט פון אונזער הויז. מיין זיידע האט געדאווענט אין די שטאטישע שוהל. כ'פלעג צומאל גיין אין די גרויסע שוהל, ווען עס פלעגן קומען חשוב'ע רבנים אדער חזנים.

ווען איך בין געווען א פינף אדער זעקס יעריג קינד בין איך עפעס פארשלאפט געווארן ל"ע. ס'ליגט מיר פאר די אויגן ווי מיין מאמע האט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און האט מתפלל געווען צום באשעפער מיט אזא דביקות. דאס איז עפעס וואס איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן.

• • •

אין חדר בין איך געווען ביז די 12 יאר. מיר האבן דארט געלערנט גמרא מיט מפרשים, און מיין זיידע פלעגט מיט מיר צולערנען. זייענדיג דער עלטסטער אין אונזער משפחה, האב איך געלערנט מיט מיינע יונגערע ברידער, איבערהופנדיג יעדן שבת.

ווען כ'בין געווארן 12 יאר, האט מיין זיידע מיר געגעבן א בריוו צו איינעם פון זיינע תלמידים, הגאון רבי מיכאל רובינשטיין זצ"ל, וועלכער האט געהאט א ישיבה אין פלאצק, און איך בין אהינגעגאנגען לערנען ביז איך געווען 14 יאר.

ר' מיכאל האט געפירט די ישיבה צוזאמען מיט הגאון רבי מענדל מענדלסאן זצ"ל (דער פאטער פון הגה"צ רבי בנימין זצ"ל, רב פון קוממיות). פלאצק איז הונדערטער יארן געווען א שטאט פון תורה ועבודה; מען האט געזאגט אז פלאצק איז נוטריקון פ'ה ל'מדו א'בותינו צ'דיקים ק'דושים.

דארט אין פלאצק איז געווען מיין בר מצוה. מען האט געמאכט א "לחיים" און כ'האב געזאגט א פשטעל. מיין מאמע איז נישט געקומען; זי האט נישט געקענט איבערלאזן די יונגערע קינדער. איך פלעג אהיימפארן בלויז אויף די ימים טובים.

• • •


אין דער ערשטער מוסטער־ישיבה אין ווארשא.

באריכט צום פינפטן יארטאג פון התייסדות המתיבתא

ווען איך בין געווען 14 יאר בין איך געגאנגען קיין ווארשא, צו לערנען אין די באקאנטע "מתיבתא". די ישיבה איז געווען קווארטירט אין אן אייגענעם בנין אויף די שווערסקא גאס, נומער 18.

אין די פריערדיגע צייטן האבן חסידים נישט געשיקט די קינדער צו ישיבות אין די גרויסע שטעט, צוליב דעם רעש און טומל און די נסיונות פון "ישיבת כרכים קשה". אזוי איז געווען דער מצב ביז צו די ערשטע וועלט מלחמה, וואס נאכדעם איז געווען אזא ירידה אין א רוחניות'דיגן זין, אז מען האט שוין נישט געקוקט דערויף, קלערנדיג, "יבוא הישועה מכל מקום".

אין יענע תקופה זענען שוין נישט געווען קיין ישיבות אין רוסלאנד, און די געציילטע ישיבות אין דעם ליטווישן טייל פון פוילן זענען נישט געווען אויסגעשטעלט פאר פוילישע חסיד'ישע בחורים. מען האט געדארפט שאפן א ישיבה, שלא תשתכח תורה מישראל.

די מתיבתא אין ווארשא איז געשאפן געווארן אין תרע"ט, קורץ נאך די מלחמה. צווישן די מייסדים איז געווען דער אמרי אמת, און די חברי הנשיאות זענען געווען באריממטע רבנים און עסקנים, ובראשם הגאון רבי מאיר דן פלאצקי זצ"ל בעל כלי חמדה, הגאון רבי מנחם זעמבא זצ"ל, און הגאון רבי מאיר הכהן ווארשאוויאק זצ"ל דער רב פון מאקאטאוו, א פארשטאט פון ווארשא, וואס ער איז אויך געווען דער מזכיר פון "אגודת הרבנים בפוילן".

צווישן די ראשי הישיבה זענען געווען גרויסע למדנים, ווי הגאון רבי אברהם הענדל זצ"ל, וואס האט שפעטער משמש ברבנות געווען אין איינס פון די געגנטער אין ווארשא, און הגאון רבי אברהם נפתלי הירצקא זצ"ל מח"ס מעשה זית.

• • •

ווען ס'איז געקומען די צייט אז כ'זאל גיין אין ישיבה, איז מיין מאמע מיט מיר געפארן פון ליפנא קיין ווארשא. זי האט מיטגענומען א ביטל געלט כדי צו קויפן סחורה און אהיימנעמען פאר איר געשעפט, אבער ווען מיר זענען געקומען אין ישיבה און זיי האבן מיך פארהערט די פריערדיגע לימודים, און זיי זענען ב"ה געווען שטארק צופרידן און זיי האבן געזאגט פאר מיין מאמע גרויסע שבחים אויף מיר און אז זיי זעען פאר א גרויסן תועלת, איז מיין מאמע אזוי איבערגענומען געווארן אזא זי האט אהינגעגעבן דאס גאנצע געלט פאר די ישיבה און איז אהיימגעפארן אן עפעס


הגאון רבי מנחם זעמבא זצ"ל הי"ד
מיט הגרי"ז מבריסק זצ"ל


בחורים שפאצירן אינדרויסן פונעם בנין המתיבתא אין ווארשא

איינקויפן!

די מתיבתא איז געווען איינגעטיילט אין פינף כיתות, אוועקגעשטעלט אז די תלמידים זאלן דארט לערנען פינף יאר. במשך די דאזיגע יארן האט מען געדארפט האבן געענדיגט תנ"ך מיט פירוש רש"י, רוב ש"ס, עטליכע חלקים שולחן ערוך (גאנץ אורח חיים, חלק ראשון פון יו"ד, ט"ז ש"ך מיט'ן פרי מגדים, און חושן משפט הל' עדות, טוען ונטען, מקח וממכר), ווי אויך חלקים פונעם רמב"ם, ספרי פלפול ווי קצות החושן, שב שמעתתא, רי"ט אלגזי, און ספרי מוסר ווי חובת הלבבות און מסילות ישרים.

די מתיבתא איז געווארן א שם דבר אין גאנץ פוילן. א תלמיד פון די מתיבתא איז געווען א שטאלץ פאר זיינע עלטערן און פאר זיין שטאט. אין די קליינע שטעטלעך האט מען אנגעקוקט אזא איינעם אלס זייער צוקונפטיגן רב.

עס זענען פארט געווען קריטיקירער פון צווישן די ערליכע קרייזן, וועלכע האבן דאס באצייכנט אלס א "גימנאזיום"; ס'איז דאך געווען א נייע זאך, און יעדע נייע זאך איז אויסגעשטעלט צו קריטיק און פארדאכטן.

אין די ישיבה בין איך געווען עטליכע יאר. מען האט געלערנט בהתמדה, און מען האט זיך געשטעלט צו בחינות. עס זענען געקומען גרויסע רבנים צו פארהערן, און מען האט אויך געגעבן בחינות בכתב. כ'האב באקומען סמיכה פון די גדולי הרבנים.

• • •

אויך נאכ'ן לערנען אין די מתיבתא, בין איך געבליבן אין ווארשא, וואו כ'האב אנגעהאלטן חברותות מיט אויסגערופענע בני תורה און אויך רבנים, צווישן זיי הגאון רבי שלמה דוד כהנא זצ"ל, וועלכער איז געווארן דער רב פון איינס פון די געגנטער אין ווארשא און שפעטער אין אלטשטאט ירושלים.

א באזונדערן קשר האב איך געשאפן מיט הגה"צ רבי יצחק הכהן האבערמאן זצ"ל, וועלכער האט נאך די מלחמה געוואוינט אין ארץ ישראל און איז געווארן באקאנט אלס "דער צדיק פון רעננה".

ר' איטשע איז געווען א פוילישער געבוירענער, א סאכאטשאווער חסיד (בעל "שם משמואל"). ביי די ערשטע מלחמה איז ער געקומען קיין ווארשא, און ער האט דארט עוסק געווען בתורה ובעבודה. (אין די מלחמה איז ער פארוואגעלט געווארן קיין סיביר, און שפעטער האבן מיר באנייעט אונזער קשר. במשך די יארן האט ער מיר געשריבן העכער פופציג בריוו!)

אין ווארשא האב איך אויך שטודירט שפראכן, ווייל ס'איז שוין געווען שווערע צייטן און כ'האב נישט געוואוסט וואוהין איך וועל עווענטועל אנקומען. ס'איז דארט געווען פראפעסאר באלאבאן, וואס ער איז געווען דער הויפט היסטאריקער פון פוילישן אידנטום. ער האט מיר געגעבן א דאקומענט צו די "בריטישע אינסטיטוציע" צו לערנען ענגליש.

שוין דעמאלט האב איך עוסק געווען אין "קירוב"... אלס א שטיקל "מלומד" האב איך געלערנט מיט אנדערע, אפילו מיט די וואס האבן באלאנגט צו אפגעפרעמדעטע גרופעס וואס זענען צוגעצויגן געווארן צו די ציוניסטישע באוועגונגען, און כ'האב ב"ה אריינגעברענגט אביסל אידישקייט ביי זיי.

• • •

לאנג פאר די מלחמה האט אויסגעבראכן, האבן פיל אידן אין ווארשא געקלערט אז ס'וועט נישט אזוי געפערליך זיין. די סיבה איז געווען, ביי די ערשטע וועלט מלחמה איז דאס גאנצע אידישע לעבן אין פוילן צוזאמענגעפאלן. אידן זענען אנטלאפן פון די שטעטלעך צו יעדן ריכטונג: גאליציאנער אידן זענען אנטלאפן קיין אונגארן, טשעכאסלאוואקיי און עסטרייך; די אידן פון קאנגרעס-פוילן זענען אנטלאפן צו די גרויסע שטעט, און אין ווארשא זעלבסט זענען געווען צענדליגער טויזנטער פליטים. די דאזיגע אידן האבן געדענקט די שווערע צייטן אונטער די רוסן, און אצינד די ארימקייט און אנטיסעמיטיזם פון די פאלאקן, און זיי האבן גע'טענה'ט אז ביי די דייטשן וועט בעסער זיין.

ווען ס'איז געקומען נאענטער צו די מלחמה, האט מען שוין מער געהערט איבער דעם ביטערן מצב פון אידן אין דייטשלאנד. כ'געדענק אז "מבינים" האבן גע'טענה'ט אז מען לעבט אין א וועלט פון דעמאקראטיע און פרייהייט, און ס'איז אוממעגליך אז אזעלכע זאכן זאלן געשען.

דערנאך האט מען געהערט אז אידן וואס זענען נישט געבוירן אין דייטשלאנד ווערן פארטריבן פון דארט. מען האט זיך מתווכח געווען צי ס'איז טאקע מעגליך אז די דייטשן רודפ'ן אומשולדיגע אידן מיט אזא אכזריות, אבער דאן זענען די באטרעפנדע אידן צוריקגעקומען קיין פוילן און מיר האבן זיי געטראפן! זיי האבן געווארענט אז מען דארף אנטלויפן, ווייל דער רשע ימ"ש האט בייזוויליגע פלענער.

די ערשטע תוצאה פון די דייטשע אכזריות איז געווען, אז די פוילישע אנטיסעמיטן האבן זיך געהויבן דעם קאפ. די פאלאקן זענען אלעמאל געווען שונאי ישראל, אבער אצינד האבן זיי עס געקענט ארויסווייזן אן קיין בושה ופחד.

אין יענע תקופה בין איך אמאל אהיימקומען קיין ליפנא. אינדערפרי בין איך געגאנגען אין פארק און מיטגענומען מיין גמרא צו לערנען במנוחה. עס זענען צוגעקומען עטליכע שקצים און זיי האבן מיך געוואלט שלאגן. איך האב געזאגט, "שלאגט מיך נישט, איך האב א פלאן פאר אייך"....

זיי האבן זיך בארואיגט א מינוט און געפרעגט, "וואס איז דער פלאן?"... האב איך געזאגט, "איך קען געוויסע שפראכן, און אויב איר ווייסט פון איינעם וואס וויל זיך לערנען, וועל איך אים אויסלערנען, און וואס איך וועל פארדינען וועל איך אייך אוועקגעבן האלב דערפון".

דער הויפט פון די חבורה האט אנגעהויבן לאכן און געזאגט "דאס איז א קלוגער איד", און זיי האבן מיך אפגעלאזט...

באמת האבן מיר אלעמאל געשפירט אנטיסעמיטיזם. נאך אלס קינד האבן מיר געוואוסט אז זונטאג איז א סכנה צו גיין אין גאס, ווייל ווען די פאלאקן זענען





אפעל פון הרב מנחם זעמבא
וועגען דער סובסקריבציע פון דער
לופט-שוץ הלוואה

הגאון רבי מנחם זעמבא זצ"ל אפעלירט צו בארגען געלט פאר די פוילישע ארמיי, פאר די מלחמה


הרה"ק מפיאסעצנא זצ"ל הי"ד

ארויסגעקומען פון די קירכעס, זענען זיי געווען שרעקליך אנגעהעצט פון די גלחים. ס'איז געווען גאר ווייטאגליך, ווייל אסאך פון די גוים האבן אפילו נישט געקענט אונטערשרייבן זייער נאמען; די אידן זענען געווען זייערע דאקטוירים, אדוואקאטן און ראטגעבער, אבער זייער שנאה צו אידן האט געברענט ווי פייער.

וואס עס האט אונז געהאלטן אין פוילן איז געווען דער גייסט פון משפחות. אין איין הויז האט מען געקענט זען עלטערן, זיידעס און עלטער-זיידעס. מען האט געלעבט צוזאמען און איבערגעגעבן די מסורה פון איין דור צום אנדערן. דאס האט אונז געהאלטן.

• • •

ווען מען האט שוין געזען אז ס'איז ביטער, און עס זענען געווען אידן וואס האבן געוואלט אנטלויפן, איז אבער נישט געווען וואו צו גיין. אסאך האבן געוואלט גיין קיין ארץ ישראל, אבער ענגלאנד (וואס האט געהערשט איפ'ן לאנד) האט געשלאסן די גרעניצן.

אין יענע צייט איז געווען א קאנפערענץ אין וועלכן עס האבן טיילגענומען אמעריקע, פראנקרייך און ענגלאנד. זיי האבן באהאנדעלט דעם שיקזאל פון די אידן וואס זוכן וואו צו אנטלויפן, אבער זיי האבן באשלאסן גארנישט צו טאן.

• • •

ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן, י"ז אלול תרצ"ט, בין איך געווען אין ווארשא. איך געדענק גוט יענעם טאג. די דייטשע עראפלאנען האב געווארפן באמבעס און יעדער איז געווען אין א פאניק.

מענטשן זענען אנטלאפן פון ווארשא, און איך בין אויך ארויס אין וועג. דערנאך האב איך אבער געטראכט וואו קען מען דען לויפן? די דייטשן קומען אריין שנעלער ווי מיר לויפן, בין איך צוריקגעקומען.

עס האבן דעמאלט געוואוינט אין ווארשא פיר הונדערט טויזענט אידן, א דריטל פון די גאנצע באפעלקערונג. ערב ראש השנה האבן די רשעים באמבארדירט די שטאט, איבערהויפט אויף די אידישע גאס, און עס זענען דעמאלט אומגעקומען 200 אידן, הי"ד. די פוילישע ארמיי טראץ אלע זייערע בארימערייען, זענען גענצליך נישט געווען צוגעגרייט צו א מלחמה און ס'איז אפילו נישט געווען קיין געווער און מונדירן פאר די וואס האבן זיך געוואלט אנשליסן צו קעמפן. דעם ערשטן טאג סוכות ת"ש האבן די דייטשן אפיציעל באזעצט ווארשא.

מיין מאמע און מיינע ברידער זענען געווען אין ליפנא; מיר האבן זיך געשריבן בריוו, ס'איז געווען א סכנה צו גיין צוליב די באמבעס און די שיסערייען וואס האבן אנגעהאלטן אין די ערשטע צייטן.

מען קען נישט שילדערן ווי אזוי מיר האבן זיך געשפירט. דער מצב איז געווען שרעקליך. קיינער האט נישט ערווארט אז דאס וועט קומען, און מען האט זיך געשפירט הילפלאז און פארלוירן. ס'איז געווארן זייער שווער צו לעבן, ווייל די דייטשן זענען געווען איבעראל. מיר האבן אבער ווייטער געלערנט און מען האט נאך געקענט דאווענען בציבור.

אזוי ווי דער מצב האט זיך אביסל בארואיגט, דהיינו אז מען האט זיך צוגעוואוינט צו די שווערע צייטן, בין איך אהיימגעגאנגען קיין ליפנא. ס'איז געווען זייער שווער, רוב וועג בין איך געגאנגען צופיס, ס'האט מיר געדויערט עטליכע טעג, און ס'איז געווען פארבינדן מיט סכנות.

• • •

ווען איך בין אהיימגעקומען האב איך ב"ה געטראפן מיין מאמע און מיינע ברידער. מיר זענען דארט געבליבן א קורצע צייט, ווייל די דייטשן האבן פארלאנגט אז מען זאל גיין קיין ווארשא. זיי האבן פרובירט דארט צוזאמענצונעמען די אידן אין געטא.

מיין מאמע, מיין ברודער העניך און איך זענען געגאנגען קיין ווארשא. דער יונגערער ברודער שמואל איז נאך פריער אנטלאפן קיין רוסלאנד.

ס'איז געווען א באן וואס האט גענומען אלע אידן פון ליפנא קיין ווארשא. מיין מאמע האט מיטגענומען עפעס קליינִיגקייטן.

• • •

אין יענע תקופה זענען צענדליגער טויזנטער פליטים אנגעקומען קיין ווארשא, טייל מיט'ן האפענונג אז אין די גרויסע שטאט וועט זיין בעסער און אנדערע וועלכע זענען געטריבן געווארן צום געטא.

די דייטשן האבן באשטימט א "יודענראט", און ענדע ת"ש איז געשאפן געווארן די אידישע געטא. מען האט פארטריבן די אידן פון זייערע הייזער, און ביז צוויי וואכן האט מען געצווינגען 150,000 אידן אריבערצוגיין צום געטא וואס איז געווען באשטימט אין א קליינעם ארט פון וועלכן מען האט ארויסגענומען 80,000 גוים. רוב אידישע פארמעגנס זענען געווארן הפקר פאר מענטשן און פאר די רעגירונג.


אחוד רבנים עולי פולין
מחלקה לעניני עגונות המלחמה
בהנהלת
הרב ר' שלמה דוד כהנא
כתובת: בית ון רחביה 5

"AGUNOTH" DEPARTMENT
S. D. KAHANE
Rabbi of Jerusalem Old City
Address: GAN REHAVIA 5, JERUSALEM

ב"ה ירושלים, Jerusalem,

בריוו צום בעל מספר שליט"א פון זיין רבי אין ווארשא, הגאון רבי שלמה דוד כהנא זצ"ל, באלד נאך די מלחמה

מען האט פארטיילט עסנווארג-קארטלעך און אידן האבן געקענט קויפן בלויז א פערטל פון די מאס עסנווארג ווי דייטשן און האלב ווי די פאלאקן. דאס האט געשאפן גרויס הונגער און אסאך מענטשן זענען פשוט געשטארבן, איבערהויפט קינדער. באזונדער האט זיך פארשפרייט מגיפות און טיפוס, ספעציעל צווישן די פליטים, וואס ביי זיי איז עס געווען אויף א ראטע פון 90 פראצענט וואס זענען געשטארבן!

טראץ אלע שוועריגקייטן איז נאך אנגעגאנגען "עפעס" א לעבן, און דער "דזשוינט" האט אפילו אויפגעהאלטן פאלקס-קיכן אינעם געטא. דער ביטערער ווענדפונקט איז געקומען אינעם זומער פון תש"ב, ווען די דייטשן ימ"ש האבן פארלאנגט פונעם "יודענראט" צוצוגרייטן די דעפארטירונגען פון אלע אידן. דער יודענראט פירער עדעם


אידן ווערן געפירט פון ווארשאווער געטא צו די ארבעט


איינציגסטער פארבליבענער טייל פונעם צוים פון געטא

טשערניאקאוו האט זיך דעמאלט גענומען דאס לעבן!

• • •

אין ווארשא האבן פאר די מלחמה געוואוינט הונדערטער רבנים, וואס טייל פון זיי זענען געווען באקאנט איבער די גאנצע מדינה. די רבנים זענען געווען די ערשטע קרבנות פון די נאציס ימ"ש, דערפאר זענען אסאך רבנים גלייך אריין אין באהעלטעניש, אפילו אין געטא, און אויך פון דארט האבן זיי משפיע געווען מתוך מסירת נפש.

איינער פון זיי איז געווען דער פיאסעצנער רבי, הרה"ק רבי קלמיש שפירא זצ"ל הי"ד בעל "חובת התלמידים". ער איז געווען א גרויסער משפיע אינעם געטא, כאטש ער אליין האט אזויפיל מיטגעמאכט. (באלד אנהויב מלחמה האט ער פארלוירן זיין מאמע, זיין באליבטער זון און א שניר, הי"ד.)

אנקומענדיג אין געטא, האב איך זיך פריש מדבק געווען אין דעם גאון ר' מנחם זעמבא, וואס ביי אים האבן אלע געפינען חיזוק אין יענע שווערע זמנים. ר' מנחם איז געווען א תל תלפיות אין געטא, און כאטש ער האט פינף מאל געטוישט זיין דירה אינעם געטא, סיי ווייל מען האט כסדר רעדוצירט די געטא, ווי אויך צוליב זיכערהייט זארגן, איז זיין דירה אלעמאל געווען פיל מיט אידן וואס האבן געזוכט חיזוק אדער אן עצה.

אפילו אין די לעצטע וואכן פאר מען האט דעפארטירט, האט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען און ער האט נאך מחדש געווען חידושים נפלאים. נאך די מלחמה האט מען געטראפן א דיקן כתב יד איבער דעם ענין פון "קידוש השם", און ער שרייבט אין די הקדמה, "מה שחדשתי בעזרת השם בימי הזעם ביום שלקחו ממני את אשתי היקרה, שהקריבה את נפשה לחנך את בנינו על ברכי התורה והיראה, ולאפשר לי ולהם לשקוד על דלתי התורה הקדושה!"...

פאר סוכות תש"ג, טראץ די שרעקליכע סכנה, האט ר' מנחם אויפגעבראכן טייל פונעם דאך פון די דירה וואו ער האט געוואוינט, און ער האט דארט געמאכט א קליינטשיגע סוכה. אומצאליגע אידן זענען דארט דורכגעגאנגען און מקיים געווען מצות סוכה.

אונזער פאמיליע האט געוואוינט אין איין צימער פון א קליינע דירה. מיר האבן דארט געהאט עפעס באקאנטע און כ'האב מסדר געווען א מנין צום דאווענען און צו לערנען מיט אנדערע. צומאל איז געווען פארבאטן זיך צו פארזאמלען, אבער מיר האבן פארט געדאווענט מיט מנין, און איינער איז געשטאנען אלס שומר צו ווארענען אויב די חברה קומען.

דער הונגער איז געווען שרעקליך, לא יאומן כי יסופר. יעדן אינדערפרי ווען מען איז ארויפגעשטאנען האט מען געזען מענטשן ליגן טויט, יונג און אלט, וואס זענען נעבעך געשטארבן פון הונגער.

• • •

מיין מאמע איז ליידער געשטארבן אין געטא. ס'איז דארט געווען א טיפוס וואס איז ארומגעגאנגען ווי א וואלד-פייער און טויזנטער מענטשן זענען געשטארבן. מיר זענען אויך קראנק געווארן, און מען האט אונז גענומען אין שפיטאל דארט אין ווארשאווער געטא. מיר זענען געלעגן דריי אדער פיר מענטשן אין איין בעט... און דארט אין שפיטאל איז מיין טייערע מאמע נעבעך אויסגעגאנגען.

טייל פון מיינע חברים זענען געווען ביי די לוי', און זי האט נאך זוכה געווען צו קומען לקבר ישראל אינעם גרויסן בית החיים אין שטאט. איך בין דעמאלט געווען אין א שווערן מצב, אבער נאכ'ן באפרייט ווערן פון שפיטאל האב איך זיך ארויסגעכאפט צום ביה"ח; כ'האב דארט געזען גאנצע וועגענער מיט טויטע קערפער וואס זיי האבן צוזאמגענומען יעדן טאג ר"ל.

ווען מיין מאמע איז נפטר געווארן האבן מיר געוואלט קענען יעדן טאג זאגן קדיש, אבער ס'איז שוין געווען די גזירה וואס האט פארבאטן זיך צו פארזאמלען. מיר האבן פארט ארגאניזירט א מנין מיט מסירת נפש, אין א קעלער, אז מיר צוויי ברידער זאלן קענען זאגן קדיש.

מיר האבן דאס אנגעהאלטן א גאנצע יאר, אין ווארשאווער געטא און שפעטער אין בודזין. גענוי אינעם טאג ווען מיר האבן אויפגעהערט צו זאגן קדיש האבן די נאציס געגעבן דעם באפעל אז מען זאל קומען צום אומשלאק פלאץ צו פירן קיין אושוויץ!

ס'איז געווען מן השמים אז מיר האבן געקענט זאגן קדיש דעם גאנצן יאר ביז ד' אלול.

• • •

פון ווארשאווער געטא האבן די דייטשן אונז גענומען צו די ארבעט, אין א שמיד פאבריק. זיי האבן אונז געפירט אינדערפרי און אונז שפעטער צוריקגעברענגט, אבער ס'איז נאך געווען צייט צו דאווענען און לערנען און זיך טרעפן מיט אנדערע מענטשן.

די געטא איז געווען ארומגענומען מיט ווענט, און ביי די ווענט זענען געשטאנען פאליציי - דייטשן, פאלאקן און אוקריינער. ס'איז געווען זייער שווער ארויסצוגיין. אויב איינער איז אנטלאפן האט מען געשאסן, און ווען מען האט איינעם געכאפט האט מען אים געהאנגען. איך האב דאס געזען מער ווי איינמאל.

זייענדיג דארט אין געטא, בין איך געגאנגען צו די גרויסע רבנים און אנגעפרעגט ווי אזוי מען קען דאס מסביר זיין פאר אנדערע אידן, זיי צו געבן חיזוק און אמונה. כ'האב באקומען קלארע תשובות, און כ'האב עס אפגעשריבן אין א קונטרס מיט'ן נאמען "ים של דם". ס'איז אבער שפעטער פארלוירן געווארן אין אושוויץ.

צווישן די רבנים מיט וועמען כ'האב אסאך עוסק געווען אין יענע תקופה איז געווען הגאון רבי שמשון שטאקהאמער זצ"ל, וואס פאר די מלחמה איז ער געווען פון די אפיציעלע רבנים אין ווארשא.

• • •

דערנאך האבן זיי אנגעהויבן אוועקנעמען די מענער און שיקן קיין אושוויץ. איך האב כסדר געזען ווי זיי כאפן און צוטיילן א מאן פון א פרוי, עלטערן פון קינדער, מען קען זיך אפילו נישט פארשטעלן ווי אזוי ס'האט אויסגעזען ווען זיי האבן געכאפט א קינד פון די מאמע'ס ארעמס, און ווען די מאמעס זענען נאכגעלאפן האט מען זיי אויך מיטגענומען.



הייזער אין ווארשאווער געטא פלאקערן נאך דעם אויפשטאנד אין תש"ג

## דער פעטער האט מיך צוגעצויגען צו די ספרים פון הרה"ק רבי נחמן מברעסלאוו זי"ע, און פאר מיין בר מצוה האב איך געקענט גרויסע חלקים פון "ליקוטי מוהר"ן" בעל פה!

מיר האבן נאך דעמאלט נישט געוואוסט וואס ס'גייט פאר אין אושוויץ, אבער שפעטער איז איינער אנטלאפן פון אושוויץ און ער האט דערציילט וואס דארט גייט פאר. מיר האבן געהערט אין געטא דערוועגן, אבער מען האט נישט געוואלט גלייבן.

אין געטא האבן טייל אידן פלאנירט ווי אזוי זיך קעגנצושטעלן די נאציס. איך האב טיילגענומען ביי עטליכע זיצונגען. מיר האבן געוואוסט אז מיר קענען נישט געווינען, אבער דער פלאן איז געווען צו קויפן געווער פון די פאלאקן און אפילו פון די ציווילע דייטשן אויב מען וועט זיי גוט באצאלן, און מען זאל מאכן אן אויפשטאנד און צעטומלען די רוצחים.

עטליכע נעכט זענען מיר נישט געשלאפן, צוגרייטענדיג די פלענער. איך האב נישט טיילגענומען אין די שלאכטן, אבער איך בין געווען באשטימט צו שטיין אלס א שומר צו אינפארמירן אויב די נאציס קומען. מיר האבן זיך באהאלטן אין א קעלער, אבער עטליכע פאלאקן האבן אונז געטראפן און זיי האבן אונז איבערגעגעבן פאר די נאציס.

למעשה ווען ס'איז געקומען דער גרויסער אויפשטאנד, אין חודש ניסן תש"ג, בין איך שוין נישט געווען אין געטא. מען האט מיך פריער אריבערגעפירט צום ארבעט-לאגער בודזין, און אזוי בין איך ניצול געווארן.

• • •

פון נאוועמבער '40, ווען די ווארשאווער געטא איז פארזיגלט געווארן, ביז צום ענדע פונעם אויפשטאנד אין אפריל '43, זענען כמעט א האלבן מיליאן מענטשן זענען אומגעקומען דורך הונגער, פייניגונגען און דעפארטירונגען.

ביים ערשטן גירוש, יולי 22 '42, וואס איז אנגעגאנגען ביז סעפטעמבער

12 '42, האט מען דעפארטירט איבער 260,000 אידן, רוב פון זיין קיין טרעבלינקא. נאך א 9 טעג הפסקה האט מען דעפארטירט נאך 2,600 אידן. דאן זענען צומאל געווען "סעלעקציעס" און נאך הונדערטער אידן זענען ארויסגעפירט געווארן.

סעפטעמבער 5 האט מען צוזאמגערופן אלע פארבליבענע אידן אין געטא, ארום 120,000. מען האט געווארנט אז ווער ס'וועט נישט ערשיינען צום באשטימטן ארט, וועט מען שיסן. דארט האט מען אנגעהויבן די גרויסע "סעלעקציע".

טייל אידן האבן זיך פארט באהאלטן, און אפילו די וואס מען האט ביי די סעלעקציע באשטימט צו בלייבן אין געטא האבן אויך געוואוסט אז דאס וועט נישט לאנג האלטן. מען האט שוין געהערט אז מען האט פארטיליגט אלע אידן אין ווילנא, און מען האט אויך געהערט איבער די מארד-לאגערן. דעמאלט האט מען זיך גענומען גרייטן צום גרויסן אויפשטאנד, וואס איז פארגעקומען אינמיטן ווינטער און האט פארגעזעצט ביז פסח תש"ג.

די דייטשן האבן געשאסן פון אויבן און פון אונטן און דערנאך האבן זיי אריינגעדרינגען, באגלייט מיט ווילדע הינט, צו די בונקערס. צווישן די קדושים זענען געווען ר' מנחם זעמבא, דער סאכאטשאווער רבי (הגה"ק רבי דוד בארנשטיין זצ"ל), דער פיאסעצנער רבי, און אסאך חשוב'ע עסקנים, ווי ר' אלכסנדר זושא פרידמאן, ר' שמחה טייסטמאן, ר' יודא לייב ארליאן, ר' יצחק אליעזר מייזליש און ר' יצחק הערש איידעלבוים, ה' ינקום דמם.

דערנאך איז געווען די ענדגילטיגע ליקווידירונג, ווען מען האט ארעסטירט די לעצטע 56,000 אידן, וואס פון זיי זענען זאפארט געשאסן געווארן ר"ל.

בלויז צוויי רבנים האבן איבערגעלעבט דעם געטא ליקווידירונג, ר' דוד שפירא און ר' שמשון שטאקהאמער, אבער ר' שמשון איז נעבעך שפעטער אויסגעגאנגען, אין די לעצטע טעג פאר'ן באפרייאונג.

נאכ'ן חורבן זענען נישט געבליבן קיין אידן אין ווארשא, סיידן די וואס זענען געווען באהאלטן אין גוי'אישע געגנטער. פון די הונדערטער שוהלן פאר די מלחמה איז געבליבן בלויז די "נאזשיק שוהל", אויפ'ן נאמען פונעם גביר ר' זלמן נאזשיק ע"ה.

• • •

מיר זענען געווען אין ווארשאווער געטא ביז אינמיטן תש"ג. דעמאלט האט מען אונז געפירט קיין בודזין. דאס איז געווען א געפערליכער קאנצענטראציע לאגער. מען האט ביטער שווער געארבעט. זיי האבן דארט געברענגט רבנים און וויכטיגע מענטשן, פירער פון אידישע ארגאניזאציעס.

איך האב געהאט תפילין, של יד און של ראש. מיר האבן געדאווענט אינדערפרי פאר זיי האבן אונז ארויסגענומען. איין טאג איז דער פירער פונעם לאגער - פייקס ימ"ש, ער איז געווען א גרויסער אכזר - אריינגעקומען און געזען ווי מיין ברודער איז מעוטר בתפילין. איך בין געווען זיכער אז דאס איז די ענדע! אבער דער רשע איז ארויסגעגאנגען; ער האט נישט געזאגט קיין ווארט!

דאס איז געווען א אפענער נס. מענטשן פארשטייען עס נישט, די וואס האבן אים געקענט האבן עס נישט געקענט גלייבן. ס'איז פשוט געווען "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך".

דער פייקס ימ"ש האט יעדן טאג געהאט אן אנדערע סיבה פארוואס צו הרג'ענען איינעם. מען האט כסדר ארויסגערופן צו "אפעל", צום ציילן. ס'איז געווען ווינטער, ביטער קאלט, און מענטשן זענען פשוט געפרוירן געווארן.

וואס ס'האט אונז געגעבן כח איז געווען, אז מיר האבן גע'חזר'ט מסכתות וואס מיר האבן געלערנט פאר די מלחמה. דאס האט אונז געגעבן חיזוק, ווייל דאס האבן די נאציס נישט געקענט צונעמען!

מען ווייסט דאך אז די רשעים האבן געוואלט פארטיליגן די אידן בגוף ובנפש. בגוף האבן זיי געטאן וואס זיי האבן געקענט, אבער בנפש, וואס מיר האבן געלערנט און וואס מיר האבן געדאווענט, דאס האבן זיי נישט געקענט צונעמען!

• • •

דארט אין בודזין איז געווען הרב דוד שפירא, און שפעטער איז אהינגעבראכט געווארן אויך הרב שמשון שטאקהאמער, וועלכער האט איבערגעלעבט דעם ווארשאווער געטא.

אין די וואכן פאר פסח תש"ד, האבן די צוויי רבנים גענומען מאכן געהיימע פלענער ווי אזוי צו באקן מצות, דורך נוצן אן אויוון אינעם לאגער וואס איז געווען אינעם צימער וואו מען האט געוואשן און "דיסאינפעקטירט" די ארעסטאנטן.

מיט די הילף פון געציילטע אנדערע אידן וואס זענען געווען באשעפטיגט ביי יענעם צימער, האט מען דאס ב"ה באוויזן. מען האט געבאקן מצות וואס מען האט באהאלטן אונטער די בגדים און עס אזוי צוריקגעברענגט צו די באראקן.

ליידער האט מען געכאפט צוויי פון די אידן וואס האבן טיילגענומען אין די אקציע, און דאס האט אויפגעדעקט די גאנצע זאך.

הרב שטאקהאמער האט געהאט נסים ונפלאות, ווייל די רוצחים האבן אים חושד געווען אלס טיילנעמער אין די אקציע, און זיי האבן אים גענומען אים און נאך א איד, און זיי אנגעהויבן שלאגען מכות אכזריות עד כדי להמית.

# "איך ווייס אז לויט דעם איצטיגן מצב מעג מען עסן חמץ, אבער עס זענען פארהאן 2,500 אידן דא אין לאגער, און לכה"פ איינער פון אונז זאל נישט עסן חמץ, און איך וועל זיין דער איינער! און איך טוה עס מתוך אהבה ושמחה!"

אויף די אנדערע זייט פונעם שטעכל-דראט צוים איז געווען באראקן פון דייטשע ווערמאכט סאלדאטן וועלכע האבן זיך אומגעקערט פונעם פראנט, און ווען זיי האבן געזען ווי מען שלאגט די צוויי אידן, האבן זיי געשריגן צו די רוצחים "גרויסע העלדן! איר קענט שלאגן אידן, איר דארפט קעמפן אויף די פראנט ליניעס!"... דעמאלט האבן די פארשעמטע רוצחים אויפגעהערט שלאגן.

ס'איז טאקע נישט געווען קיין מצות אין בודזין יענעם יאר, אבער ר' הלל זיידמאן האט דערציילט וואס ס'איז געווען דעם פאלגענדן פסח תש"ה, ווען ער איז נאך געווען צוזאמען מיט הרב שטאקהאמער.

הרב שטאקהאמער האט מחליט געווען אז ער וועט נישט עסן חמץ גאנץ פסח! ער האט געזאגט, "איך ווייס אז לויט דעם איצטיגן מצב מעג מען עסן



דער בעל מספר (רעכטס) ביים פארטיילן מצות אין די "די. פי." לאגערן


געזען (לינקס) ביים פארטיילן ד' מינים פאר פארשטייער פון די לאגערן

חמץ, אבער עס זענען פארהאן 2,500 אידן דא אין לאגער, און לכה"פ איינער פון אונז זאל נישט עסן חמץ, און איך וועל זיין דער איינער! און איך טוה עס מתוך אהבה ושמחה!"

ר' הלל זיידמאן האט מעיד געווען אז במשך די אכט טעג פסח האט הרב שטאקהאמער גארנישט געגעסן! ער האט געטרינקן בלויז אביסל וואסער. ס'איז געווען א חידוש אז ער האט איבערגעלעבט, און נישט נאר דאס, ער האט אפילו געטאן זיינע פליכטן אינעם ארבעט-לאגער צוזאמען מיט די אנדערע.

די רוסן האבן זיך דעמאלט דערנענטערט און די דייטשן האבן אנגעהויבן עוואקואירן די לאגערן, ארויסשיקנדיג די אידן אין מערב ריכטונג אויף לאנגע "טויט מארשן". אנדערע האט מען אריינגעשטופט אין איבערגעפולטע וואגאנען וואס האבן זיי געפירט פאר טעג נאכאנאנד אן קיין ציל וואו אנצוקומען.

בלויז דריי טעג פאר'ן באפרייען האט מען ארויפגעשטעלט הרב שטאקהאמער אויף א באן מיט הונדערטער אנדערע. אינמיטן וועג איז דער באן אטאקירט געווארן דורך די אליאירטע קרעפטן, און הרב שטאקהאמער איז ליידער אומגעקומען!

•••

אונז האט מען פון בודזין געפירט קיין אוישוויץ. מיין ברודער און איך זענען געווען צווישן די גרופע וואס מען האט געפירט מיט די באן, אין אנגעשטופטע בהמות-וואגאנען.

אנקומענדיג קיין אוישוויץ, האט מען אונז געשיקט "לינקס", צום טויט. מיר האבן געזען טויזנטער יונגע קינדער וואס האבן געוויינט; ביז 15 מינוט זענען זיי נעבעך געווען פארגאזט און פארברענט ר"ל. מען האט אונז אויך געפירט צו די גאז-קאמערן; מיר האבן געהערט געשרייען "שמע ישראל" און מיר האבן געוואוסט אז דאס איז די ענדע.

מיין ברודער האט מיר געזאגט אז ער וויל אביסל וואסער צום טרינקן; איך האב אים געזאגט אז ס'איז בעסער אז נישט, ווייל אזוי וועט ער שנעלער שטארבן! ביני לביני איז צוגעקומען א נאצי; ער האט מיך געכאפט ביי די האר און געשריגן, "דו ביסט יונג, דו קענסט ארבעטן!" און ער האט אונזביידע גענומען צום זייט פון די באראקן! דאס איז געווען אן אפענער נס!

אין אוישוויץ זענען מיר געווען עטליכע חדשים. מיר זענען געווען באוואכט נישט בלויז דורך די רשעות'דיגע דייטשן נאר אויך פאלאקן און ליטווישע רוצחים. מען האט אונז כסדר מארשירט אהין און צוריק צו טאן פארשידענע ארבעט.

מען האט אונז געהאלטן אין באראקן מיט האלצערנע שאפעס. ס'איז געווען פול מיט שמיץ און לייז. דאס האט געברענגט טיפוס און אנדערע קרענק.

דאס ביסל עסן וואס מען האט באקומען יעדן טאג; איך ווייס נישט אויב מען קען דאס רופן עסן פון עפעס א סארט זופ, צומאל א שטיקל ברויט, האט קוים געקלעקט צו קענען איבערלעבן.

•••

נאכ'ן זיין עטליכע חדשים אין אוישוויץ האבן זיי אונז גענומען קיין ראדאם. דארט איז געווען א מוניציאן פאבריק. ס'איז עטליכע הונדערט מייל פון אוישוויץ; מען האט אונז גענומען מיט באנען. דארט זענען נישט געווען די געוועגליכע דייטשן, נאר די עסטרייכישע נאציס; זיי זענען געווען נאך ערגער.

אין דעם מוניציאן פאבריק האבן מיר געארבעט אונטער א קוואטע, דהיינו מען האט געגעבן א באפעל יעדן אינדערפרי



געזען ביים אויפטריט פון קלויזענבורגער רב זצ"ל, ביים באזוך פון גענעראל אייזענהאועור



ר.צ.ל.: דער בעל מספר שליט"א, ידידו להבחל"ח הרב יצחק מאיר זעמבא ז"ל (פלומעניק פון רבי מנחם זצ"ל), און דער לעגענדארער עסקן הרב אלימלך גבריאל (מייק) טרעס ז"ל

וויפיל שטיקלעך מיר דארפן ענדיגן. אויב עפעס איז נישט געגאנגען ווי זיי האבן געוואלט, איז מען דארט געבליבן א גאנצע נאכט. מען האט געזען דאס אהבת ישראל פון איין איד צום אנדערן; אויב איינער האט נישט געקענט צוענדיגן, זייענדיג שוואך און קראנק, האבן אנדערע צוגעהאלפן. אויב איינער האט געענדיגט פריער, האט ער צוגעהאלפן א צווייטן.

מיר זענען דארט געווען עטליכע חדשים. ס'איז געווען גאר געפערליך. ס'איז געווען א פאבריק פון בלוט און טרערן!

דערנאך האבן זיי אונז גענומען קיין דייטשלאנד, צו א לאגער "העסענטאול", וואו מען האט אונז באשטימט צו פארשידענע ארבעט.

דארט האבן מיר געהערט אז זיי פרובירן צו ברענגען ווי מער ארעסטאנטן פון אנדערע לאגערן, ווייל די רוסן דערנענטערן זיך פונעם מזרח זייט. דעמאלט זענען זיי געווען גאר ווילד, זיי האבן געשלאגן און גע'הרג'עט פאר יעדע קלייניקייט.

עטליכע חדשים שפעטער האבן זיי אונז געפירט קיין דאכאו. דארט האב איך געזען דעם אראבישן מופטי ימ"ש, וואס ער איז געקומען פארהאנדלען מיט אייכמאן ימ"ש.

כ'האב צוגעזען, ווי די צוויי צוררי היהודים, דער מופטי און אייכמאן, זענען געזיצן און געלאכט און זיך פארווײלט בשעת דייטשע רוצחים האבן זיך פארווײלט דורך שלאגן אידישע ארעסטאנטן מיט די שפיצן פון זייערע ביקסן.

•••

מיר האבן די גאנצע צייט געהאלטן חשבון אויף שבתים און ימים טובים. מיר האבן געוואוסט ווען ס'איז יום כיפור און ווען ס'איז תשעה באב, און מיר האבן פרובירט צו דאווענען און זאגן תפילות וואס מיר האבן געדענקט.

פסח איז געווען די שווערסטע זאך. איין יאר איז אויסגעקומען אז עס זענען געווען צוויי אידישע ארבעטער אינעם קיך, און דורך זיי האב איך זיך געשאפן אביסל מעהל און עס אפגעבאקן אלס "מצות". די ערשטע נאכט האב איך געקענט מאכן א ברכה אויף א שטיקל מצה, אבער די גאנצע וואך האבן מיר נישט געהאט. מיר האבן נישט געגעסן קיין ברויט; מיר האבן דאס אוועקגעגעבן און פרובירט צו באקומען א קארטאפל פון די גוים.

יום כיפור האבן מיר געפאסט. מיר האבן אוועקגעלייגט דאס שטיקעלע ברויט אויף ביינאכט.

כ'קלער היינט צוריק און איך דאנק דעם באשעפער אז ער האט מיר געגעבן באזונדערע כוחות הנפש, אז זייענדיג אין אוישוויץ און אין דאכאו און אין די אנדערע געפערליכע ערטער האב איך שטענדיג פרובירט מחזק צו זיין אידן. איך האב זיי כסדר געזאגט אז מען זאל זיך נישט מייאש זיין; מיר וועלן באפרייט ווערן, מען וועט טרעפן א ברודער אדער א שוועסטער און אפשר א טאטע אדער א מאמע, און וועט צוריקשטעלן דאס לעבן.

•••

נאך עטליכע וואכן אין העסענטאול, האבן זיי אונז גענומען אויף א "טויט מארש" צו די טייראל בערג צווישן איטאליע און דייטשלאנד. דארט זענען שוין געווען אנגעגרייטע קברים פאר אונזער גרופע! ס'איז געווען ריזיגע גרופע; זיי האבן געברענגט מענטשן פון פארשידענע ערטער זיי צו שיסן און באגראבן אין יענע גריבער.

אין יענע טעג האבן די אליאירטע געהאלטן גאר נאענט צו באזיגן די רוצחים ימ"ש, דערפאר האבן די רוצחים

געוואלט פארניכטן אלע לאגערן אז עס זאל נישט בלייבן קיין זכר פון זייערע רציחות.

מיר האבן מארשירט א גרופע פון בערך טויזנט מענטשן. עטליכע טעג זענען מיר געגאנגען. די וואס האבן נישט געקענט גיין האט מען גע'הרג'עט אויפ'ן ארט. מיין ברודער האבן זיי אויך געשאסן; דאס בלוט איז אים גערינען ר"ל, אבער ער האט זיך אויפגעשטעלט און פארגעזעצט צו גיין און ער האט איבערגעלעבט.

דער באשעפער האט זיך אויף אונז מרחם געווען, און נאך פאר מיר זענען אנגעקומען צו אונזערע קברים, איז די אמעריקאנער ארמיי אומערווארט אנגעקומען! מיר האבן דאס באמערקט ווען די דייטשע פאליציי האט געטוישט זייער קליידונג; זיי האבן אנגעטאן ציווילע קליידער; טייל פון זיי האבן געכאפט עטליכע ארעסטאנטן און זיך געטוישט!

• • •

נאכ'ן באפרייען זענען מיר אנגעקומען קיין פעלדאפינג. מיר האבן געפראוועט דעם פסח מיט אמעריקאנער טרופן.

אין פעלדאפינג האבן מיר אנטפאנגען דעם אמעריקאנער גענעראל אייזענהאוער, אום יום כיפור שנת תש"ו. דער קלויזענבורגער רבי זצ"ל האט אויפגעטרעטן און פארלאנגט רעליגיעזע הילף, און איך, וויבאלד כ'האב דאך געקענט ענגליש, האב איך איבערגעטייטשט וואס ער האט געזאגט. (שפעטער האב איך געהאלפן דעם קלויזענבורגער רבי'ן מיט זיינע צוויי נסיעות קיין אמעריקע.)

דערנאך האט דער גענעראל מיך געפרעגט, פון וואו איך קום? און איך האב געזאגט, "פון פוילן". ער האט מיך געפרעגט צי איך גיי צוריק קיין פוילן? האב איך געזאגט, "קיינמאל!"... ער האט מיך געפרעגט פארוואס? האב איך געזאגט: פוילן איז דורכגעווייקט מיט אידיש בלוט! ווי אזוי קען מען לעבן אויף א בית החיים?!...

שפעטער אין מינכן האב איך זיך באקענט מיט'ן רעדאקטאר פון די אמעריקאנער "סטאר ענד סטרייפס" צייטונג, וואס איז געווען א מיליטערישע צייטונג. כ'האב אים באדאנקט אין נאמען פון די באפרייטע אידן, און ער האט עס פראמינענט באריכטעט.

אין פעלדאפינג האב איך זיך געטראפן הגאון רבי אליעזר זילבער זצ"ל. ער איז געווען דער הויפט רב פון די "אגודת הרבנים" אין אמעריקע. ער איז געקומען פון סינסינעטי, זיך אומצוקוקן אויפ'ן וואוילזיין פון די פליטים. כ'געדענק אז איך האב אים פארגעשטעלט פאר'ן ניו יארקער מעיאר לאגווארדיע, וועלכער איז אויך אהינגעקומען.

עס זענען געקומען אנדערע רבנים און עסקנים, און איך בין געווארן דער פארבינדונג-מאן וואס האט זיי באגלייט ביי די באזוכן. איך האב גערעדט עטליכע שפראכן און כ'האב געהאט א צוזאמענארבייט מיט פארשידענע סארט מענטשן, און דאס האט מיך געשטעלט אין אזא פאזיציע.

איינער פון די וואס כ'האב באגלייט אין דייטשלאנד איז געווען הרב הערצאג, וואס איז געקומען פון א"י. ער האט מיר דערציילט, אז פאר די מלחמה האט ער פרובירט זיך צו טרעפן מיט די וואטיקאן פירער, צו פארלאנגען אז דער פויבסט זאל ארויסגעבן א דעקלעראציע צו ראטעווען די אידן אין פוילן, אז מען זאל זיי באהאלטן וכדומה, אבער דער וואטיקאן האט צוריקגעוויזן זיין בקשה פאר א באגעגעניש.

ער האט מיר אויך געזאגט, אז אצינד נאך די מלחמה, איז ער געגאנגען קיין רוים נאך פאר ער איז געקומען קיין דייטשלאנד, ער האט געוואלט אז דער פויבסט זאל ארויסגעבן א דעקלעראציע אז די קאטאליקן וואס האבן באהאלטן אידישע קינדער זאלן זיי אומקערן צו די עלטערן אדער צו אידן, אבער מען האט אים ווייטער נישט געוואלט אננעמען!


GOLDMAN LIPOT

הגה"צ רבי ליפא גאלדמאן זצ"ל אבד"ק נייפעסט שרייבט בשבחו פונעם בעל מספר'ס פעולות פאר'ן שארית הפליטה

• • •

פון פעלדאפינג בין איך געגאנגען קיין מינכן, וואו כ'בין געווארן דער "אסאשיעיט דירעקטאר" פון די רעליגיעזע און בילדינג אפטיילונג וואס דער אמעריקאנער אידישער "דזשוינט" האט געשאפן פאר די פליטים.

מיר האבן פרובירט צוצושטעלן רעליגיעזע זאכן פאר די איבערלעבער, ווייל די נאציס האבן פארניכטעט און פארברענט אלע ספרים און תשמישי קדושה וואס זיי האבן געטראפן. אונזער חיזוק איז געווען אז מען וועט אצינד צוריקשטעלן פרישע צענטער'ן פון תורה, און דאס וועט זיין די נקמה אין היטלער!

כ'בין אויך ארומגעפארן צו אלע לאגערן און פרובירט צוזאמצונעמען נעמען פון איבערלעבער, פון וועלכע שטעט מען איז געקומען א.א.וו. איך האב דאס אפגעשריבן אז מען זאל דאס קענען פארשפרייטן אין אנדערע לאגערן, אז מען זאל קענען צוריק-פאראייניגן די איבערלעבער.

מיר מלחמה-איבערלעבער זענען דעמאלט געווארן אויסטערליש נאענט איינער מיט'ן אנדערן, מיט א אייגנארטיגן קשר נפשי. ס'איז געווען א צאל איבערלעבער וואס זענען געווען צוזאמען מיט מיר די גאנצע צייט פון ווארשא, און מיר האבן זיך געקענט נאך פאר די מלחמה, און דעמאלט זענען מיר געווארן ממש ווי ברידער. אפילו אין די שפעטערע יארן, ווען מיר האבן זיך ווייניג געטראפן, אויב איינער פון די חבורה איז נפטר געווארן, האט עס געשאפן א חלל אין הארץ.

• • •

זייענדיג אין איין לאגער נעבן פראנקפורט ד'מיין, וואס דארט זענען געווען מיידלעך פון די "בית יעקב" שולע וואס איך האב געהאלפן אוועקשטעלן דורכ'ן "דזשוינט", האט מען מיר גערעדט א גוטן שידוך, מיט מיין געטרייע רביצין ע"ה, בת הגאון רבי ארי' לייב וואלמאן זצ"ל, וואס איז געווען דער לעצטער רב אין סאכאטשאוו.

מיר האבן חתונה געהאט ערשט אין תש"ז, און מיר האבן ב"ה געהאט דריי קינדער, איין טאכטער און צוויי זין, וועלכע האבן אויפגעשטעלט שיינע אידישע דורות.

**די ערשטע נאכט האב איך געקענט מאכן א ברכה אויף א שטיקל מצה, אבער די גאנצע וואך האבן מיר נישט געהאט. מיר האבן נישט געגעסן קיין ברויט; מיר האבן דאס אוועקגעגעבן און פרובירט צו באקומען א קארטאפל פון די גוים.**

(דער עלטערער זון, הר"ר יוסף מנחם שליט"א פון פלעטבוש, וואס טראגט דעם נאמען פון מיין טאטע, איז א אדוואקאט און א גרויסער עסקן למען "קירוב"; ער פארט ארום איבער די וועלט אויפטאן פאר "אש התורה"; זיין זון איז מיין טייערער איניקל הרב דניאל יעקב שליט"א, וואס איז ממשיך אונזער משפחה'ס רבנות דינאסטיע.)

מיין רביצין ע"ה האט אסאך אויפגעטאן צוצוציען אידן צו אן ערליכן לעבן, איבערהויפט צווישן די פרישע רוסישע אימיגראנטן וואס זענען אנגעקומען קיין פיטסבורג, וואו מיר האבן געוואוינט רוב יארן. זי איז נפטר געווארן ג' תשרי תשע"ח, און זי איז געקומען לקבורה אויפ'ן הר הזיתים.

• • •

מיר זענען געקומען קיין אמעריקע ענדע תש"ט, ווייל ביז דעמאלט האב איך עוסק געווען צו העלפן די פליטים וואס זענען פארבליבן אין דייטשלאנד.

כ'האב געהאט גוטע קשרים מיט'ן אמעריקאנער קאנסול אין מינכן, און כ'האב דורך אים געשאפן שריפטן פאר אסאך אידן וואס האבן געוואלט ארויספארן קיין אמעריקע. כ'האב אויך געהאלפן אסאך אידן גיין קיין ארץ ישראל.

איין טאג איז געקומען א דעלעגאציע פון אמעריקע און א"י, זיי האבן געוואלט אז איך זאל ווערן דער דירעקטאר פון די "אפענבאך לייברערי". דהיינו, אין די יארן פאר די מלחמה, האבן א געוויסער אלפרעד ראזענבערג געשריבן א בוך, אין וואס ער האט אנגעבליך אנאליזירט אלע ראסעס און ער האט געשטעלט די דייטשע ראסע אויפ'ן העכסטן שטאפל. ביי די מלחמה האט היטלער ימ"ש אים געגעבן א ספעציעלע ארמיי, און וואו ער איז אריינגעגאנגען אין א לאנד אדער א שטאט זענען זיי געגאנגען צו אידישע צענטערן, זיי האבן בארויבט די אידישע ביכער און דאקומענטן זיי האבן דאס




צוזאמגעזאמעלט אין אפענבאך, און געזאלט שאפן א גרויסע לייברערי. ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט, איז דער אוצר איבערגעגעבן געווארן אין אידישע הענט.

די אידישע דעלעגאציע איז געקומען מיר אנבאטן צו ווערן דער דירעקטאר פון די לייברערי, צו סארטירן אלע ביכער און דאקומענטן און עס אנפירן.

איך בין אהינגעגאנגען מיט מיין פרוי. מיר האבן זיך אומגעקוקט, און איך בין געווען באגייסטערט צו זען די אלע ספרים; ס'איז געווען פון פוילן, האלאנד, רוסלאנד און רומעניע. איך האב דארט געטראפן ספרים און מאנוסקריפטן פון די רבנים פוןווארשא וועלכע איך האב פערזענליך געקענט.

איך האב געוואלט בלייבן, איך האב עס שטארק געגליכן, אבער מיין פרוי האט נישט געוואלט. מיר זענען געקומען נאכאמאל, אבער מיין פרוי האט נישט געוואלט. איינס פון אירע סיבות איז געווען, ווייל רוב איבערלעבער האבן שוין געהאט פארלאזט דייטשלאנד און זי האט נישט געוואלט אז מיר זאלן דארט בלייבן איזאלירט. די עיקר סיבה איז אבער געווען: סיי ווען זי האט געזען א דייטש, האט זי געשריגן, "דו האסט גע'הרג'עט מיינע עלטערן!"... אויב יענער האט געזאגט, "נישט איך", האט זי געזאגט, "דעמאלט דיין ברודער אדער דיינע זין!"... זי האט נישט געקענט דארט בלייבן.

דעמאלט האבן מיר באשלאסן אז מיר גייען קיין אמעריקע. ס'איז געווען א פלאן צו גיין קיין א"י, אבער מיין פרוי האט נאך געדארפט מעדיצינישע באהאנדלונג און זי האט געקלערט אז אין אמעריקע וועט זיין בעסער.

איך בין געגאנגען צום אמעריקאנער קאנסול אין מינכן און אים געזאגט אז מיר האבן באשלאסן צו גיין קיין אמעריקע. ער האט מיך געפרעגט צו וועלכע שטאט? האב איך געזאגט קיין ניו יארק, ווייל איך האב נישט געוואוסט פון קיין אנדערע שטעט. ער האט מיר געזאגט, "גיי קיין פיטסבורג; פארוואס? ווייל איך קום פון פיטסבורג און איך וויל בלייבן אין פארבינדונג מיט אייך"...

אנשטאט צו גיין מיט'ן שיף האט ער מיר געגעבן ערלויבעניש צו פליען מיט אן עראפלאן. מיר זענען געפלויגן קיין פיטסבורג, און ווען איך בין אנגעקומען האב איך זיך דערוואוסט אז די "היברו אינסטיטוט" האט שוין געוואוסט וועגן מיר, דורך די דערמאנטע דעלעגאציע, און איך האב זאפארט באקומען א דזשאב אלס אינסטרוקטור פון היברו ליטעראטור.

• • •

אין פיטסבורג איז געווען גאנץ א שיינע אידישע קהלה. כ'האב זיך גוט באפריינדעט מיט הרב יוסף שפירא ז"ל, וועלכער איז געווען פון די דארטיגע ערליכע רבנים נאך פאר די מלחמה. כ'האב פריוואט געלערנט מיט זיינע זין.

דארט אין שטאט האט געוואוינט א חשובע'ר רבי, הרה"ק רבי יוסף לייפער זצ"ל, וואס זיין הויף איז געווארן באקאנט אויפ'ן נאמען פון די שטאט. כ'האב געהאט א קשר מיט אים; ער איז געווען א אדם גדול, בתורה ובצדקות, און א גרויסער מכניס אורחים.


כי הם חיינו ואורך ימינו: ביי תפלת שחרית פארגאנגענעם יאר

טייל קהלות האבן געוואלט איך זאל ווערן רב, ווייל איך בין ארומגעגאנגען רעדן אין עטליכע שוהלן און ס'האט ב"ה גוט אויסגענומען. איך האב אבער דוקא געוואלט אן ערליכע שוהל, מיט טעגליכע מנינים צום דאווענען, און אז די שוהל זאל האבן א "חדר" מיט גמרא קלאסן, ווייל כ'האב געוואלט מרביץ תורה זיין, און זעלבסט משלים זיין די פינף לאגער-יארן.

אין די ענדע האב איך אנגענומען דעם פאסטן אין א שוהל אין די איסט-ענד געגענט, כאטש איך האב דארט באקומען בלויז א דריטל פונעם געהאלט וואס כ'האב געקענט באקומען אין אנדערע שוהלן.

איך בין דארט געווען פינף יאר, ווען גלייכצייטיג האב איך געדינט אלס בעל דרשן אין דעם גרויסן אידישן "מושב זקנים" אין שטאט.

דערנאך האבן די עלטערע לייט אינעם "מושב זקנים" זיך געשטעלט דערויף, אז איך זאל אננעמען א פול-טיים פאזיציע אלס רב אין דעם מושב זקנים. כ'בין נאכגעקומען די בקשה, ווייל זייענדיג אין אוישוויץ, זעענדיג ווי מען פירט צום ערשט די עלטערע לייט צו די הריגה ר"ל, האב איך זיך פארפליכטעט אז איך וועל שטענדיג פרובירן צו העלפן די עלטערע לייט!

אפיציעל האב איך רעטייערט אין תש"נ, אבער איך בין דארט געבליבן "אומאפיציעל". מיר זענען געווען שטארק פארבינדן מיט די דאזיגע זקנים. מען האט אמאל געפרעגט מיין יונגסטן זון, צי ער האט א זיידע אדער א באבע? האט ער געענטפערט, יא, ער האט פינף הונדערט... ער האט גערעכנט אלע עלטערע לייט אינעם מושב זקנים!

מענין לענין, נאך א קבלה וואס כ'האב מיר מקבל געווען אין אוישוויץ, זעענדיג ווי מען פירט אידן צו די גאז-קאמערן: כ'האב געהערט ווי די אידן שרייען "שמע ישראל", און כ'האב אויך געהערט דעם געוויין פון אידן, "ווער וועט זאגן קדיש נאך אונז?!"... דערפאר זאג איך קדיש יעדן טאג לעילוי נשמת אלע קדושים הי"ד.

האלטענדיג אזויפיל יארן שפעטער, ווען ס'איז שוין נישטא צופיל איבערלעבער פון דעם גרויסן חורבן, איז אונזער גרויסע האפענונג אז מיר וועלן אי"ה דערלעבן צו זיין פון די וואס וועלן קעגנגיין משיח צדקינו, אז יבקע כשחר אורך וארוכתך מהרה תצמח, בב"א.


דער בעל מספר שליט"א ערשיינט צום חנוכת הבית פון די גרויסע שוהל פון זיין אייניקל הרב דניאל יעקב גלאטשטיין שליט"א, אין סידערהוירסט, ווינטער שנת תש"פ העעל"ט


איינס פון די ספרים פונעם אייניקל, הרב דניאל יעקב שליט"א, על חודש ניסן - פסח